וועכנטליכן

# איבערזיכט

א קורצע איבערזיכט איבער אלעס וואס קומט פאר אינערהאלב דעם ענגלישן אידנטום

בס"ד • פ' אמור - יב' אייר תשפ"ב לפ"ק • גליון #36 • פעיה"ב לאנדאן יצ"ו

פאסט באקס

Tel: 020 3984 7536

mail: Iberzicht@gmail.com

עת צרה היא ליעקב:

## גרויס אנגסט און ציטער נעמט ארום תושבי ענגלאנד מיט די ביטערע נייעס אז די רעגירונג האט באשלאסן זיך צו פארמעסטן מיט די 'ישיבות הקדושות'

עס איז שוין לאנגע יארן וואס די יומעניסטן וחבר מרעיהם די אנגלא פרייע אידישע ארגעניזאציעס אין ענגלאנד ווי די בארד אוו דעפיוטיס און די JLC א.א.וו. טוען שימפן אויף די עקזיסטענץ פון די ישיבות הקטנות וואס גייען אהן במלוא הודם והדרם שוין קרוב צו זיבעציג יאר אהן קיין לימודי חול און איז געזעצליך אויסגעהאלטן, און זיי טוען שוין מסר'ן פאר די רעגירונג לאנגע יארן אז מען מוז זעהן צו טון פעולות דאס אפצושטעלן רח"ל.

שוין מיט בערך צעהן יאר צוריק האבן זיי אנגעפירט מיט א העץ קאמפיין אז מען לערנט נישט קיין לימודי חול אין די ישיבות הקטנות און די קינדער קומען ארויס פון דארט אום-ערצויגן, און זיי האבן פארלייגט כוחות אז מען זאל איינשרייבן די ישיבות קטנות ביי די אינסטאנסן און מען זאל לערנען לימודי חול אפאר שעה א טאג/וואך, און זיי האבן געהאט די שטיצע פון געוויסע עלעמענטן אינערהאלב די חרדישע קהילות וואס זענען מיטגעשטאנען מיט זיי למחצה לשליש ורביע, און זיי האבן שוין אפילו געלייגט דריק אויף א טייל ישיבות זיך איינצושרייבן אלס רעגיסטרירטע שולעס. המשך אויף זייט' 2 •

אין אנדערע עדיוקעשן נייעס:

## אפסטעד טוט ארויסשטעלן זייערע צילן [Strategy] פאר די קומענדיגע פינעף יאר

אין א לענגערע נייעס באריכט טוט אפסטעד פראקלאמירן זייערע צילן זייערע 'strategy' וואס זיי פלאנען אויפצוטון אין די קומענדיגע פאר יאר.

און צווישן אנדערע קומט ארויס, אז זיי פלאנען צו פארלענגערן די אינספעקציעס וואס וועט געדויערן מער שעות און מער צייט ווי ביז יעצט, און פאר אונז אידן מיינט דאס נאך אפאר שעה עגמת נפש און קאפ ווי".

אויך טוען זיי צילן צו פארלייגן מער כוחות אויף די ערל"י יער"ס [אונטער פינעף יאר אלט] און זיי האבן באקומען איבער צוואנציג מיליאן פונט פון די רעגירונג דאס צו עררייכן, און איינע פון זייערע צילן איז צו געבן טרענינג פאר די טישערס פון די קליינע קינדער..

[און אז מען רעדט שוין פון דעם ענין פון טרענירן טישערס, איז אינטערסאנט אנצומערקן, אז איינער פון די עסקים פון א חינוך ארגעניזאציע האט לעצטנס אנגעהויבן צוזאמצונעמען לימודי חול טישערס און העדמאסטערס אין א פאראייניגטע פארום, מיטן ציל צו געבן בעסערע טרענירונג, און עס זעהט אויס אז ער וויל לייגן די הענט אויף א טייל פון די מיליאנען וואס ווערן צוגעטיילט פאר דעם היניזכט...].

און אויך טוען זיי צוזאגן אז זיי וועלן נעמען שנעלערע שריט בנוגע אינדיפענדענ"ט שולעס וואס וועלן געבן א ארימע קוריקעלעם פאר זייערע תלמידים, וואס דאס טוט באדייטן ערנסטע צרות פאר אידישע מוסדות היל"ת. ויה"ר שננצל מהם ומהמונם ולא יריעו ולא ישחיתו הכל הר קדשי.

## הילולא קדישא פון הרה"ק ר' ישעיה'לע מקערעסטיר זי"ע אפגעהאלטן געווארן אין אלע קהילות הקודש

## הרה"ח הישיש ר' יוסף אייזיק לעוו נפטר געווארן אין הויכן עלטער פון איבער הונדערט יאר

נא ליזהר שלא לקרותו בעת התפלה וקריאת התורה

# גרויס אנגסט און ציטער נעמט ארום תושבי ענגלאנד מיט די ביטערע נייעס אז די רעגירונג האט באשלאסן זיך צו פארמעסטן מיט די 'ישיבות הקדושות'

• המשך פון זייט 1

אבער בס"ד זענען דעמאלס אריינגעשפרינגען ערליכע עסקנים אין בילד און זיי האבן מצליח געווען צו אהערשטעלן א לעגאלע סטאטוס פאר די ישיבות און אזוי האט מען ממשיך געווען מיט גרויס סייעתא דשמיא אנצוגיין די פאר יאר, אבער די רשעים זענען נישט געשלאפן, און זיי האבן אויסגענוצט יעדע סארט עקסידענט וואס איז נאר פארגעקומען מיט ישיבה קטנה בחורים אלס א ברענשטאף אנצוצינדן א פייער ביי די שלטונות אז די מוסדות זענען נישט פארזיכערט און די קינדער זענען אין א חשש סכנה, זיי האבן אבער קלאר געשטעלט אז זיי הייבן נאר אהן מיט סעיפגארדינ"ג ווייל דאס איז א גרינגע העץ מיטל, אבער זייער עיקר ציל איז צוצוקומען צו איינפירן געהעריגע לימודי חול אין אלע ישיבות.

אזוי זענען זיי געשטאנען און געהעצט לאנגע יארן, די יומעניסטן וחבר מרעיהם די פרייע אידישע ארגעניזאציעס אין ענגלאנד ווי די בארד אוו דעפיוטיס אויף די עקזיסטענץ פון די ישיבות הקטנות און געטוען מסר'ן פאר די רעגירונג לאנגע יארן אז מען מוז זעהן צו טון פעולות דאס אפצושטעלן רח"ל. (אונטער-ערדיש האט א גרויסע האנט דערין א געוויסער פארשוין פון א PR אפיס, וועלכע שפילט א DOUBLE FACE דער פארשוין האט געדינט אין די בארד אוו דעפיוטיס יארן לאנג און שוין אין יאר 2015 למס' געדינט אינם באורד פון מתיר דמן של ישראל 'דזשואיש ניוס', וואס זיי זענען ארויס אין יענע יארן מיטן "ערשטן אטאקע קעגן ישיבות", און דער שטעלט כסדר אן א פנים, ווי כאילו ער איז זיך ממש משתתף בצרתן של ישראל, ער דארף מכלומר'שט הערן די נייעס פון די נעאיווע עסקנים, ער זאל שנעל קומען ארויסהעלפן פון די פייער וואס ער מיט זיינע אלע פרייע חברים האבן אנגעפלאקערט... און אצינד איז האפענטליך אז מען זאל זיך שוין כאפן ווער דער 'מציל' איז און אויפהערן בעטן זיין אכזריות'דיגע הילף, וואס דאס טוהט באגראבן יעדן נארמאלע פעולה וואס יהדות ענגלאנד דארף טוהן בעת כזאת.)

און פאר זעקס יאר צוריק ווען עס איז ל"ע פארגעקומען א טראגעדיע אין א ישיבה קטנה, ווען בחורים זענען געקומען לכלל סכנה אין א ים בשעת א אויספלוג, האבן די חברה אנגעהויבן צו פארפירן אז מען מוז מאכן א קאנסאלטיעש"ן וויאזוי מען ראטעוועט די ישיבה קטנה בחורים...

און עטליכע יאר דערויף בשנת 2020 למספרם איז ארויס די קאנסאלטעישן. און אריינגבליקנדיג דערין האט מען קלאר געזען אז זיי מיינען נישט קיין סעיפגארדינ"ג נאר זיי מיינען דעם תוכן הלימודים, ווען רוב פון די שאלות האבן זיך באצויגן וויאזוי מען קען מבטל זיין דעם לעגאלן סטאטוס פון די ישיבות הקטנות דורך טוישן די געזעצליכע כללים וואס מאכט א מוסד פאר א שולע, און אזוי ארום מחייב זיין אלע ישיבות קטנות זיך איינצושרייבן.

[כדי צוקומען צום פאמפ פון סעיפגארדינג האבן זיי געפירט א מעכטיגע שמוץ קאמפיין קעגן חרדי'שע ציבור פאר לאנגע יארן, זיי האבן אפגעמאלן די חרדי ציבור ווי א געפארפולע פארנאכלעסטיגע צוריקגעבליבענע געמיינדע, וועלכע קומען דארט פאר שוידערליכע פאסירונגען מכלומר'שט, זיי האבן אונטערגעשטעלט אלע סארט מלשינות און אזוי אויך א מלשינות ארגעניזאציע מיטן נאמען 'שמע קולי' צו זאמלען מכלומר'שט אלע שרעקליכע מעשיות פון די חרדים, זיי האבן געדינט אלץ הויפט קטיגור צו באשמוצן שוידערליך דעם פרומען ציבור, דער טשיף ראביי הידוע לשמצה דער מלשין מירוויס שר"י (וועלכע טוהט נישט קיין איין ריר אן זיך באראטן מיטן אויבערדערמאנטן דאבעל פעי"ס אגענט פון א PR אפיס,) איז ארויס מיט א רוף זיך צו זיך נעמען צום חרדי'שן ציבור וועלכע זענען מכלומר'שט שרעקליך פארנאכלעסטיג עפ"ל, עס איז דא צום באמערקן אז איבעראל אין די גאנצע וועלט האבן חרדי'שע געמיינדע'ס איינער וועלכע איז לוחם פאר זייערע רעכטן, דא ווען דער ציבור פארלאזט זיך אויפן א.ל. ארגעניזאציע, זיי זענען גאר די וועלכע האבן ניטאמאל געפילט פאר וויכטיג אפ-צוענטפערן דאס שמוץ וואס מען האט געלייגט אויף אונזער ציבור, און גאר פארקערט זיי האבן אלץ חרד'ישע פארשטייער געגעבן א שתיקה כהודאה, וויבאלד זייער גאנצע געלט איז אנגעוואנדן אין זייערע פרייע בעלי בתים פינאנצירער.]

די קאנסאלטעיש"ן האט דן געווען אין אלע קליינע פרטים ארום די געזעצליכע געבוי פון די ישיבות הקטנות, זוכנדיג א וועג וויאזוי צו פארשטאפן יעדן וועג אינעם געזעץ, און איז קלאר אויסגעשטעלט געווארן נאר אקעגן ארטאדאקסישע חרדי'שע ישיבות, ווען זיי האבן למשל געהאט א גאנצע שאלה דארטן: צו לימוד בחברותא נישט דורך א שיעור, צו עס הייסט געגעבן עדיוקעישן אדער עס הייסט אז די קינדער לערנען אליינס... און די מסקנא איז געבליבן, אז אויב די לימוד בחברותא ווערט קאנטראלירט דורך די הנהלה וואס מען זאל לערנען און וויפיל, דאן הייסט דאס אז די הנהלה האט געגעבן עדיוקעישן און די קינדער לערנען נישט אליינס, דאס איז קלאר געצילט אקעגן די ישיבות הקטנות וואס די בחורים לערנען רוב טאג אליינס נישט דורך א שיעור, און זיי האבן עס דירעקט אזוי אויסגעשטעלט אז יעדע ריר זאל ווערן פארערכנט אלס עדיוקעישן.

די רעזולטאטן האבן געזאלט פובליצירט ווערן אפאר חדשים דערויף, אבער איז געווארן אפגעשיבט אנגעבליך צוליב קאראנא, [עס איז געווען א געוויסער אקטיוויסט וואס האט דאס צוגעשריבן צו זייער קרעדיט,

און ווען מען האט אים געפרעגט אויב אזוי, פארוואס האט ער נישט מצליח געווען עס אפצושטופן אויף אייביג? האט ער מסביר געווען אז די אלטע עסקנים וואס האבן אוועקגעשטעלט דעם לעגאלן סטאטוס פון די ישיבות הקטנות זענען גאר שולדיג דערין וויל זיי האבן געהאנדלט הארט מיט די רעגירונג, און דאס האט גורם געווען אז זיין שתדלנות איז צורינען... און לויט ווי עס זעהט אויס יעצט, וועלן ציווילע מענטשן קיינמאל נישט וויסן ווער עס איז צום פארדאנקען...].

דעם פארגאנגענע פרייטאג האט די רעגירונג פובליצירט זייערע געפינסן אין א לאנגן ענטפער און א גרויסן ביכל, און דער סוף פסוק פון אלע זייערע שרייבעריי איז: אז זיי האבן באשלאסן ארויסצוגיין מיט א לעגאלע קאמף אקעגן די ישיבות קטנות און גענצליך אונטערגראבן אלע געזעצליכע יסודות אויף וואס די ישיבות הקטנות זענען געבויעט, ווען זיי שרייבן ארויס קלאר אין זייער ביכל: אז די פארגעשלאגענע פלאן וועט אפעקטירן בעיקר די ארטאדאקסישע ישיבות קטנות! און אין א אנדערע ביכל זייערע טוען זיי אנדייטן צווישן די ווערטער: אז עס וועט נישט בלייבן קיין בריה פאר ארטאדאקסישע אידן, נאר, אדער זיך איינשרייבן אלס א רעגיסטרירטע שולע און זיין מחויב אויסצולערנען פולקאמע לימודי חול מיט אלע תועבות און לימודים זרים וואס סעקאנדער"י שולעס זענען מחויב, אדער אוועקצושיקן די קינדער קיין אויסלאנד לערנען!

די עיקר צווי זאכן וואס זיי ווילן טוישן אינעם יעצטיגן געזעץ זענען ווי פאלגענד, [עס זענען פארהאן מערערע פרטים אינעם פארשלאג, און מיר וועלן עס צונעמען לפרטי פרטים אין די קומענדיגע וואכן]:

• זיי ווילן אהערשטעלן אז יעדער איינער וואס האט מער ווי פינעף תלמידים, און ער לערנט אויס סיי וואספארא עדיוקעישן, [אפילו בלויז רעליגיעזע עדיוקעישן] איז מחויב זיך איינצושרייבן אלס שולע! אנדערש ווי ביז יעצט, וואס בלויז ריכטיגע לימודי חול האט געהייסן עדיוקעיש"ן און לימודי קודש האבן זיך נישט גערעכנט, און דעריבער האבן די ישיבות נישט געהייסן קיין סקול.

• יעדער איינער וואס האלט מער ווי פינעף קינדער אין די שעות פון סקולס [צווישן 8 אינדערפרי ביז 4 נאכמיטאג] (אפי' נאר אין א טייל פון די שעות) איז מחויב איינצושרייבן! אנדערש ווי ביז יעצט וואס נאר א מינימום פון אכצן שעה לימודים א וואך האט געהייסן א סקול..

אבער צווישן די בלעטער טוהן אויך ארויסשפראצן כל מיני באגרעניצונגען אויך פאר איינגעשריבענע מוסדות וואס זיי וועלן שווערער מאכן פארשידענע טוישונגען אין די לימודים, און אויך וויפיל מאל א מוסד קען פעיל'ן וכדומה, [וואס מיר וועלן עקסטער מאריך זיין א א ארטיקל אין די קומענדיגע וואכן].

ווען די נייעס האט זיך פארשפרייט האט דאס גורם געווען א אומ-באשרייבליכע צער און עגמת נפש ביי אלע ערליכע אידן אומעטום, ווען בבת עינינו די הייליגע ישיבות הק' דאס לעצטע לעגאלע זאך וואס איז געווען פריי פון פראבלעמען איז געקומען אונטער אזא שווערע קאמף, און עס איז בליץ שנעל געווארן דאס געשפרעך פון טאג, און די ערליכע עסקנים וואס זענען געשטאנען וואך במשך די אלע יארן אויפצופאסן אויף דעם ענין זענען תיכף אריינגעקומען אין בילד און האבן אנגעהויבן דן צו זיין איבער די דרכי הפעולה וואס מען דארף טון, און פארשטייט זיך אז מען קען נאך נישט ארויסגעגעבן קיינע דעטאלן יעצט ווען מען האלט נאך אין אזעלעכע פריע שטאפלען פונעם געזעץ, אבער עס דארפן זיך צוזאמצונעמען אלע אידן וואס ווילן בלייבן מיט ריינע ישיבות קטנות אהן לימודי חול און גרינדן א גרויסע גרופע וואס זאל זיי פארטרעטן ביי די העכערע פענסטערס, און על פי דרך הטבע האט דאס זייער א גרויסע כח אין די היינטיגע עפאכע ווען די רעגירונגען ווילן בדרך כלל זיך נישט איינרייסן מיט קיין ציבור ווי קליין עס זאל נישט זיין. - [און מען דארף דערמאנען אז די פינסטערע יומעניסטן גרופעס און די אלע מלשינים וואס זיי שטייען אונטער די אלע מסירות ציילן זיך ניטאמאל אין קיין גאנצע פינעף טויזנט איינגעשריבענע מעמבערס!

און טראץ דעם המשך אויף זייט 7 •

בעזהשי"ת

עת צרה היא ליעקב

כאשר התפרסם בימים האחרונים שהממשלה זוממת לחוקק חוקים חדשים בנוגע להישיבות הק' אשר זוממים לחייב את הישיבות לשנות ממתכנותם וצורתם המקובל אצלנו מדור דור וכפי אשר יסדוהו אבותינו ורבותינו אך ורק ללימוד התורה כל היום בלי שום לימודים זרים וכדו ועוד דברים הפוגעים בטהרת הישיבות הק' היו לא תהי'

תתקיים בע"ה

אסיפה דחופה
ויום תפילה רבתי

ולהשמיע את עמדתינו הברורה
ששום דבר וכח בעולם לא יכריח אותנו לבטל או לשנות את צורת הישיבות הקדושות וסדרי הלמודים כמקדמת דנא ללא שינוי כלל

ולשמוע את דבר המערכה וחובת השעה
להצלת הישיבות הק'
מפי הרבנים הגאונים שליט"א ועסקנים חשובים שליט"א

כל מי שחרד על עתיד הישיבות הקדושות בעירנו בל ישתמט מלהשתתף באסיפה נחוצה זו

פרטים יבאו
תתקיים בימים הקרובים

וועד המסדר

## דרשת מרן הגאון האדיר רבי חיים פלאהר שליט"א
## אצל אסיפה רבתי "האספו"

**די געוואלדיגע שכר פאר די וואס נעמען זיך אן פארן באשעפער אין אזא צייט.**

שטייט אין פסוק (מלכים א' ב, ז), דוד המלך איידער ער איז אוועק פון די וועלט האט ער געזאגט פאר שלמה "וְלִבְנֵי בַרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי תַּעֲשֶׂה חֶסֶד וְהָיוּ בְּאֹכְלֵי שֻׁלְחָנֶךָ", אין גמרא (שבת דף קנ"ב ע"א) שטייט אז ברזילי הגלעדי איז נישט געווען אזא איידעלער מענטש, אבער ער האט אים געזאגט, ער זאל זיין מאוכלי שולחנך, ער זאל זיין פון די אנגעזענע געסט ביי שלמה המלך!

פארוואס? ווייל ווען דוד איז געווען א "נרדף" - ווי עס שטייט אין ירושלמי (ראש השנה דף ב' ע"ב) כל אותן ששה חדשים שהיה דוד בורח מפני אבשלום בנו בשעירה היה מתכפר כהדיוט, די זעקס מאנאטן וואס ער איז געווען א נרדף פון אבשלום האט ער נישט געהאט קיין דין פון א "מלך", ער האט געדארפט ברענגען א חטאת ווי א יחיד, - ער איז געווען א נרדף, ער האט פארלוירן די מלוכה, און ברזילי האט אים מקרב געווען, איז ממילא קומט אים אזא זאך.

איך האב געזעהן, דאכט זיך פון חפץ חיים, אדער האב איך דאס געזעהן פון אן אנדערן, איך געדענק נישט יעצט, **"דער אייבערשטער איז היינט אויכעט אין אזא מצב!!! דער וואס וועט זיך צושטעלן צו דער אייבערשטער וועט זיין פון אוכלי שולחנך פון דעם אייבערשטער, מען וועט זוכה זיין!!!".**

*

איך האב געוואלט מציע זיין א זאך, איך ווייס אז דער ראש ישיבה האט דאס שוין געטוהן!

אין די וואכעדיגע סדרה (שמות ו, כו) שטייט אזוי, "הוּא אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה וגו', **הֵם הַמְדַבְּרִים אֶל פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם לְהוֹצִיא אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם הוּא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן**", איינמאל שטייט אהרן פאר משה און נאכאמאל שטייט משה פאר אהרן "הוּא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן", זאגט רש"י "הם בשליחותם ובצדקתם מתחלה ועד סוף". - היינט איז געווארן א זאך, מען נעמט פארדארבענע מענטשן, פארדארבענע עסקנים, און זיי האנדלען פאר אונז, דעם עתיד פון כלל ישראל גיבט מען איבער אין זייערע הענט, זיי זאלן גיין צו די ממשלה האנדלען. - [זאגט די תורה] נייין! משה ואהרן, זיי זענען המדברים אל פרעה, מען האט נישט געשיקט אזעלכע!

**זיי - די וואס מען שיקט צו די ממשלה - עס גייט זיי אן די לינקע פיאות, עס גייט זיי נישט אן קיין אידישקייט, עס גייט זיי גאר נישט אן, א פאר דאלער גייט זיי אן!!!**

**צו גיין האנדלען דארף זיין "הֵם הַמְדַבְּרִים אֶל פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם", משה און אהרן "הם בשליחותם ובצדקתם מתחלה ועד סוף".**

אז מען שיקט אזעלכע, איז אפילו זיי זענען געווען ערליך אין אנפאנג, ווערן זיי.... אל תתוודע לרשות! אל תתוודע לרשות! (אבות פ"א מ"י, ועי' ברבינו יונה שם: "כיון שמקבל עליו עול מלך בשר ודם סופו לפרוק עול מלכות שמים ולבטל המצות").

**דער חפץ חיים איז אליין געגאנגען צו די ממשלה!**

מען טאר נישט שיקן אזעלכע שלוחים! דאס זענען "שלוחי דשטן", נישט קיין שלוחים פון דעם אייבערשטער!.

*

אין העולם מתקיים אלא בהבל פיהם של תינוקות של בית רבן, די גמרא זאגט (שבת דף קי"ט ע"ב) אפילו נישט פון קיין תנאים און אמוראים, ווייל דאס איז "הבל שאין בו חטא", עס איז נישטא קיין חטא, עס איז ריינע קינדער, ריינע קינדער, און מען נעמט און עס ווערט אויס "הבל שאין בו חטא", מען לייגט אריין דארטן [די גוי'אישע פאדערונגען]...

ווי האט דער ראש ישיבה געזאגט פון דעם מהר"ל, דער בני ישכר, שרייבט אויכעט אז אין גלות אדום חזר'ט זיך איבער אלע גלות'ן, און ער זאגט אז אין זיין צייט חזר'ט זיך איבער גלות יון, נאר עס ווייזט אויס אז עס ווערט אלץ שטערקער און שטערקער דער גלות יון.

*

די הארבקייט פון מבטל זיין תשב"ר פאר לימודי חול ווען מען טאר דאס נישט אפילו פארן בנין בית המקדש,

עס איז גע'פסק'נט אין רמב"ם (הל' בית הבחירה פ"א ה"יב), און עס איז גע'פסק'נט אין שו"ע (יו"ד סי' רמ"ה סעיף י"ג), אין מבטלין תינוקות של בית רבן אפילו לבנין בית המקדש.

"אפילו צום בנין בית המקדש", מען וועט נישט בויען דעם בית המקדש, אויב מען וועט דארפן נעמען די מלמדים זיי זאלן נישט לערנען מיט די תינוקות של בית רבן נאר גיין בויען דעם בית המקדש, איז "אין מבטלין תינוקות של בית רבן אפילו לבנין בית המקדש".

מען זאל אריינקוקן אין הלכה, וויפיל מען דארף לערנען מיט א קינד, בייטאג און ביינאכט דארף מען לערנען, און מען נעמט דאס....

פאר בית המקדש איז מען נישט מבטל תינוקות של בית רבן און פאר לימודי חול איז מען יא מבטל תינוקות של בית רבן?! פאר וואס און פאר ווען?!

דער אויבערשטער זאל העלפן אז פון די אסיפה זאל ארויסקומען א חיזוק, און די זכות פון תינוקות של בית רבן, און דער זכות זאל טאקע נתחזק ווערן די תינוקות של בית רבן, און עס זאל זיין ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים, מען זאל זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו **אמן.**

# NEU - ריזיגע טיטשערס יוניאן וואס האט אונטער זיך טויזנטער העד טיטשערס און אנדערע קומען ארויס מיט שארפע אטאקעס אקעגן אפסטעד,

### בעת ווען אפסטעד טוט אפצייכענען דרייסיג יאר זינט איר גרינדונג אין 1992 למספרם

אין בעצוג צו די אפצייכענונג קומען פילע נייעס באריכטען ארויס מיט נעגעטיווע דעקונג איבער וויאזוי די ארגעניזאציע ווערט געפירט אין די לעצטע יארן.

• איינע פון די נעגעטיווע זאכן וואס די מידיע טוט באריכטן איז, איבער דעם וואס מער און מער שולעס טוען פארלירן זייערע 'אויסערגעוועונליכע' צייכענונג, און אויב אמאל איז געווען איינס פון יעדע פינעף שולעס אויסגעצייכנט, איז עס היינט נאר איינס פון יעדע צעהן שולעס... און דאס קומט צוליב די אויסנאם שטרענגע אינספעקשנס וואס זיי מאכן, און אויב די תלמידים ענטפערן נישט גענוג שנעל אויף זייערע שאלות און זיי געדענקען נישט פונקטליך אלע לימודים ווערט די שולע אנידערגעצייכנט.

די באריכט טוט ברענגען א שטודיע פון א וועלט בארימטע פראפעסאר וואס טוט באשטעטיגן אז א דורכשניטליכע קינד טוט פארגעסן רוב פון די זאכן וואס ער הערט ביים לעקציע תוך 60 מינוט פון וואס ער האט עס געהערט... און טראץ דעם פאדערט אפסטעד אז יעדעס קינד זאל קענען געדענקען אלעס וואס ער לערנט און אויב נישט איז די שולע א שוואכע שולע.

• אזוי אויך טוט אין די יעצטיגע טעג ארויסקומען א ריזיגע אנקעטע אין וואס עס האבן אנטייל גענומען קרוב צו דרייסיג טויזנט מענטשן איבער די וועלט, און ענגלאנד קומט ארויס פון די שוואכסטע אין די הינזיכט פון אינספעקטן סקולס, ווען די שטודיע טוט באהויפטן אז די אינספעקטארס פון אפסטעד קימערן זיך בכלל נישט אויב די תלמידים קענען באמת וואס זיי לערנען, און זיי האבן אנדערע וועגן וויאזוי זיי מעסטן די הצלחה פון א שולע, און איבער האלב פון די שולעס וואס זענען געצייכנט געווארן 'אויסערגעוועונליך' איז די דרגה פון די לימודים געווען זייער ארים און שוואך, און ווען אפסטעד איז געבעטן געווארן צו געבן זייער אנטווארט איבער די אנקעטע האבן זיי ענטזאגט.

• און אין אנדערע נייעס האט א הויפט פון א גרויסע אסאסיאציע וואס פארטרעט אסאך שולעס אין ענגלאנד ארויסגעקומען מיט א דעקלעראציע ווען זי האט גערעדט פאר אסאסיעישן פון שולע און קאלעדזש פירער'ס וואס די אסאסיעישן טוהט רעפרעזענטירן איבער 21,500 פירער פון שולעס אין גאנץ ענגלאנד, וואס זי האט געזאגט: אז די שולעס זאלן איגנארירן אפסטעד און אנגיין וויטער מיט זייער ארבעט און טון וואס איז דאס בעסטע פאר די תלמידים טראץ דעם וואס זיי ווערן אראפגעקוקט אין די אפסטעד רעפארטס, ווען דער 'מיניסטער פון די סקולס' אין ענגלאנד איז אנגעפרעגט געווארן וואס זיין מיינונג איז אויף אויף די שארפע ארויסטריט, האט ער זיך באגניגט מיטן אראפברענגען א שטודיע וואס אפסטעד 'אליינס' האט פובליצירט... ווי זיי טענה'ן אז 9 פון יעדע 10 שולעס זענען גאר צופרידן פון זייער ארבעט, און 65 פראצענט עלטערן פארשטייען אז מיט די שטרענגע אינספעקשנס ווערן די שולעס בעסער...

• אבער דאס שארפסטע אטאקע אויף אפסטעד איז געקומען פונ'ם NEU ('נאשאנאל עדיוקעישן יוניאן') א ריזיגע טיטשערס יוניאן וואס האט אונטער זיך טויזנטער העד-טיטשערס.

די יוניאן האט אפגעהאלטן א פיר טאגיגע קאנפערענץ אין דעם רעזארט שטעטל בארמענטה ווי זיי האבן ארונטערגעריסן אפסטעד און זיי האבן גערופן די רעגירונג עס צו אויפטוישן מיט א מער מעסיגע ארגעניזאציע וואס זאל זיך רעכענען מיט די סקולס.

און אין א אנקעטע וואס איז געמאכט געווארן דארט אויפן פלאץ צווישן קרוב צו אכצן הונדערט העדמאסטערס פון איבער גאנץ ענגלאנד האבן פיר און זיבעציג געוועלט אז אפסטעד טוט ארויפלייגן אומזינסטע און איבריגע ארבעט אויף די טיטשערס וואס פעלן נישט אויס פאר די הצלחה פון די תלמידים... און ווען מען האט אנגעפרעגט די פארשטייער פון די פריימערי און קינדערגארטן העדמאסטערס האבן פיר און אכציג פראצענט געוועלט נעגעטיוו אויף אפסטעד.

אין א אנדערע אנקעטע געמאכט געווארן דורך די יוניאן קומט אויס אז אכט און זעכציג פראצענט האט געוועלט אז אפסטעד טוט אונטערשאצן די הנהלות פון די שולעס, און זעקס אין אכציג פראצענט האט געוועלט אז אפסטעד טוט זיין א שעדליכע לאסט אויף די שולעס מיטן אנלייגן צו שווערע זאכן וואס זענען אומ-מעגליך אויסצופירן, און דאס טוט אוועק נעמען די פוקוס פון אויפבויען די קינדער.

צווישן אנדערע האבן די יוניאן פירער אראפגעברענגט פון די 'נאציאנאלע אודיט אפיס' וואס טוט באריכטן אין זייער לעצטע רעפארט: אז אפילו אפסטעד אליינס ווייסט נישט אויב זיי האבן עפעס אויפגעטון אין די לעצטע דרייסיג יאר וואס האט געהאט א ריכטיגע ווירקונג אויף די תלמידים.

לערערס פון די נאשאנאל עדיוקעישן יוניאן האבן אפגעהאלטן די דאטום וואס המשך אויף זייט 8'•

# גרויס טרויער אין שטאט מיט די פטירה פונעם זקן ונשוא פנים מפארי וחשובי עירינו ומראשי קהל ייטב לב הרה"ח הישיש ר' יוסף אייזיק לעוו ז"ל

## נפטר געווארן אין הויכן עלטער פון איבער הונדערט יאר

מיט גרויס צער האבן הונדערטער תושבי עירינו באגלייט למנוחת עולמים הרה"ח ר' יוסף אייזיק לעוו ז"ל וואס איז געווען פון די נכבדים אין ק"ק סאטמאר און איז לאנגע יארן געשטאנען אין שפיץ פון די בית רחל שולע, און איז געווען גבאי אין ביהמ"ד פאר קרוב צו זעכציג יאר.

בשנת תשכ"ב איז ר' יוסף אייזיק אהער געקומען קיין לאנדאן פון בני ברק, און זייענדיג דער גבאי אינעם דארטיגן סאטמאר-רמב"ם שול האט מען עם תיכף אויפגענומען צו דינען אלס גבאי אינעם נארוואס געגרינדעטע סאטמארע בית המדרש אויף קעזענאוו ראוד, און ער האט אנגעהאלטן די פאזיציע פאר לאנגע יארן ממש ביז די לעצטע פאר יאר, ווי לאנג די כוחות האבן עם נאך געדינט איז ער געשטאנען אויפן באלעמער ביי קריאת התורה.

בשנת תשכ"ה ווען מרן הרה"ק מסאטמאר זי"ע האט באזוכט אונזער שטאט איז ער איינגעשטאנען ביי ר' יוסף אייזיק'ן שבת קודש ווייל ער האט געוואוינט נאנט צו יסודי התורה זאל ווי די טישן זענען פארגעקומען, און די התייסדות פון בית רחל שולע איז פארגעקומען ביי עם אינדערהיים מוצאי שבת קודש.

צעהן יאר שפעטער בשנת תשל"ה האט ער איבערגענומען די שולע און ער איז געשטאנען אין איר שפיץ ממש עד יומו האחרון און ער האט נושא בעול געווען אין אלע ענינים, און שטייענדיג אין שפיץ פון אזא גרויסע מוסד איז ער אלעמאל געקומען צוהילף פאר אנדערע מוסדות מיט וואס ער האט געקענט, בעצה ובמעש, און פאר צעהן יאר צוריק ווען עס האט זיך געגרינדעט די בית רחל שולע אויף 117 סטעמפארד היל האט ער באויפטראגט פאר די עסקנים פון זיין שולע אויף עמעהערסט פארק אז מען זאל ארויסהעלפן מיט וואס מען קען זאגנדיג: אז דאס איז ווי א פיליאלע פון די אלטע שולע.

אזוי אויך איז ער שטענדיג געווען גרייט ארויסצוהעלפן יחידים מיט גרויסע הלוואות און שיינע נתינות און איז געווען ברייט באקאנט מיט זיין גוט הארץ און אפענע אויער און ער פלעגט אסאך ארויסהעלפן מענטשן מיט זיין פיל יעריגע פראקטיק און עקספערטיז אין אלע ענינים.

ער איז געווען א עומד בבית ה' בלילות, און שוין אזוי פרי ווי 4 אזייגער פארטאגס איז ער שוין געקומען אין ביהמ"ד און געלערנט און געזאגט תהילים, און אזוי האט ער אנגעפירט א הערליכע סדר היום אנגעפילט מיט תורה עבודה און גמילות חסדים, און ווען ער איז געקומען אין די עלטערע יארן און ער האט שוין ל"ע נישט געקענט זעהן מיט די אייגענע אויגן פלעגט ער זאגן תהילים מיט א טעיפ מילה במילה.

ר' יוסף אייזיק ז"ל האט נאך זוכה געווען צו זעהן פיל צדיקים פונעם פריערדיגן דור און ער האט פארכאפט צו זעהן צורות קדשו פונעם מעגלי צדק פון דעעש, און פון הרה"ק ר' ישעיה'לע פון קערעסטיר, און עקסטער איז ער געווען גאר נאנט און מקושר ביים נאסודער רב זי"ע וואס איז געווען א קרוב משפחה זיינער, און פון נאך פילע צדיקים זי"ע, און ער פלעגט כל ימיו נאכדערציילן עובדות וסיפורים וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט במחיצת קדשם, און בפרט אין די לעצטערע יארן פון ווען ער איז אנגעקומען צו די בן תשעים לשוח האט ער געעפענט זיין אוצר און ער פלעגט דערציילן שיינע זאכן פון אמאל, און יונג און אלט פלעגן צונייגן א אויער צו הערן זיין אומאויפהערליכן שפרודל'דיגע קוואל וואס פלעגט קוועלן מיט שיינע ענינים פון די צדיקי הדור.

די לעצטע פאר יאר זינט די קאראנא איז ער שוין געווען כלוא בבית און ער איז איינגעשטאנען ביי זיין איידעם ר' חיים צבי שפיץ הי"ו וואס ער מיט די ב"ב האבן זיך שטארק אפגעגעבן מיט זיין געזונט, און די לוויה איז ארויס פון דארט. ר' יוסף אייזיק לאזט נאך איבער נאך זיך א דור ישרים מבורך, חסידים ואנשי מעשה, בנין וחתנין יקירין, וואס וועלן שטענדיג געדענקען זיינע וועגן, און איז א גרויסע פארלוסט פאר אונזער שטאט ווען עס איז אוועק א איד וואס איז געווען ווי א בריק צום אמאליגן דור, און עס וועט שטענדיג געדענקט ווערן זיינע גוטע מעשים און ער וועט זיכער זיין א גוטער בעטער אז מיר זאלן שוין בקרוב זוכה זיין לביאת משיח ויקיצו וירננו כל שוכני עפר בביאת גוא"צ בב"א

המשך פון זייט' 3 • זענען זיי מסוגל צו מאכן אזעלעכע קאפ-ווייטאגן און צרות! מכש"כ] ווען עס נעמט זיך צוזאמען א פאראייניגטער ציבור, אפילו פון בלויז אפאר הונדערט מענטשן וואס וועלן נישט קאמפראמייזן אויף קיין שום פשרות וועט מען עס קענען בס"ד אדורכברעכן! ווי די ערפארונג האט שוין באוויזן אין פארשידענע לענדער ארום די וועלט אין דעם ענין.

און דא איז דאס פלאץ אויפצומערקן אז מען זאל זיין גרייט אז אין די קומענדיגע תקופה וועלן זיך יאווענען אלע מיני סארט עסקנים און ארגאניזאציעס וואס וועלן פארשוועמען דעם ציבור מיט כלערליי פשרות און פארהאנדלונגען וואס וועלן מכלומר'שט פארלייכטערן און פארמינערן די גזירות מיט בוחר הרע במיעוטו, און אויב עס וועט אויספעלן פאר די שפיל, וועט מען זיך פלוצלונג דערמאנען אז אין די פארגאנגענהייט האט מען שוין געלערנט לימודי חול נאך די בר מצוה... און מען קען ממשיך זיין די חדרים ביז די 14 און נאכדעם ביז די 15 רח"ל און אויסלערנען די בחורי חמד, קאריער גיידענס, מיט א"ר. ע"ס. א"י. וכדומה... אלע לימודי זרים..

און דער ציבור דארף זיין גרייט אדורכצוטראכטן מיט יישוב הדעת ווי די אלע פשרות גייען צוברעגנען, ווייל אויב יעצט האבן די אינסטאנצן שוין פארמאכט פיר תלמודי תורה דא אין שטאט צוליב שמאלע קוריקולעם ביי לימודי חול, איז עס כמעט נישט קיין מציאות אז זיי זאלן לאזן אפן תלמודי תורה איבער די צוועלף יאר וואס וועלן לערנען לימודי חול!.. און בפרט אז וואס עלטער א קינד ווערן די פאדערונגען פון די לימודי חול מיטוואקסן מער און מער!, און דעריבער האט מען סיי ווי נישט קיין אנדערע וועג, נאר קלאר צו מאכן פאר די אינסטאנסן בלשון שאינו משתמע לתרי אנפין: אז מיר האבן נישט קיין אנדערע ברירה און מיר מוזן ווייטער אנגיין אזוי ווי ביז יעצט, און אויב מיר וועלן שטיין פעסט, וועלן זיי זיך ברעכן, אזוי ווי עס האט זיך אויפגעוויזן אין אלע זמנים, אפילו אונטער רעגירונגען וואס האבן געהערשט אויף זייערע אונטערטאנען מיט א אייזענע פויסט, ומכל שכן בימינו אלה וואס די רעגירונגען ווילן זיך נוהג זיין בחסד ובחמלה.

און מען דארף געדענקען קלאר, אז ווען מען זאל ווען פאלגן די פשרה-מאכערס אין וואלאזשין וואס האבן אפגעשפעט פונעם הייליגן נצי"ב זי"ע וואלט מען נישט געמוזט פארמאכן די בארימטע ישיבה, און עס וואלט נאך געקענט אנגיין ווייטער פאר לאנגע יארן ביזן היינטיגן טאג... [אגב. עס איז דא אין אמעריקא א אינסטוטוציע וואס פאררופט זיך אויף די וואלאזשינע ישיבה, וואס האט טאקע נאר אנגעהויבן מיט אביסל לימודי חול און ליידער איז עס היינט א פולשטענדיגע יוניווערסיטי...] און נאר וועגן דעם וואס די הייליגע ראשי הישיבה האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דעם ענין פון נישט לערנען לימודי חול האט מען פארמאכט די ישיבה, און בשעתו האט עס טאקע אויסגעזען ווי אלעס גייט אונטערגיין, אבער הקב"ה דער נותן התורה האט געהאלפן, און די הייליגע תורה האט ווייטער ממשיך געווען אין אנדערע פלעצער בטהרתה בלי שום שינוי, און אזוי וועט ווייטער זיין ביז משיח וועט קומען, און מיר זענען מובטח ועומד שלא תשכח תורה מישראל עד ביאת הגואל.

און אויפן פראקטישן זין מוז באטאנט ווערן עטליכע נקודות, ווי פאלגענד:

• דאס איז נאך נישט קיין געזעץ, און אפילו אויב אלעס וועט גיין לפי זייער פינסטערע פלאן, וועט דאס געדויערן א לאנגע צייט איינצופירן למעשה, און אפילו ווען דאס ווערט א געזעץ וועט האפענטליך זיין פארשידענע שינויים לכאן ולכאן.

• די געזעץ וואס זיי ווילן מאכן איז א ריזיגע געזעץ, וואס טוט אפעקטירן צענדליגע טויזענטע קלובס וואס די גוים האבן וואס טוען אפערירן במשך די שולע שעות און אוב זיי וועלן זיך מוזן איינשרייבן וועט דאס גורם זיין אנטריסונג ביי די גוים, און אויב די רעגירונג וועט וועלן אנהייבן צו מאכן סיי וואספארא אויסנאמען פאר די גוים כדי זיי זאלן נישט אפעקטירט ווערן פונעם געזעץ, וועלן על פי טבע אויך די ישיבות הקדושות בענעפעטירן דערפון, ואכהמ"ל.

• ווי עס זעהט אויס פון זייערע יעצטיגע פלענער האבן זיי נאך נישט ארויס הונדערט פראצענט וויאזוי א ישיבה ארבעט, און עס איז דא א שמאלע האפענונג אויף אופנים ווי אזוי ישיבות זאלן אנגיין.... אבער מען דארף וויסן אז זיי פלאנען אריינצושרייבן אינעם געזעץ א סעיף קטן, אז זיי וועלן עס קענען טוישן יעדע פאר יאר, כדי צו פארשטאפן יעדן לאך... און דעריבער איז עס נישט קיין לאנג-טערמיניגע לעזונג.

• אפילו אויב עס וועט ווערן א געזעץ היל"ת, איז נאך אלס פארהאן א מעגליכקייט אנצוגיין מיט א ישיבה קטנה אבער אונטער אביסל שווערע אומשטענדן ווי יעצט, און ווער עס וועט באמת'דיג וועלן אנגיין וועט קענען, אבער מען וועט מוזן מוותר זיין אויף פארשידענע באוועמליכקייטן, ותן לחכם ויחכים עוד, און עם ישראל קשה עורף האט זיך אייביג מסדר געווען אפי' אין שווערע צייטן פון די יונים און קאמאניסטן מען האט געלערנט תורה אין היילן און בונקערס, די ישיבות וועלן אנהאלטן בלי שום שינוי מיט מסירות נפש ונצח ישראל לא ישקר.

ביז דערוויילע טוען תושבי עירינו והמדינה איינרייסן רחמי שמים ביים רבוש"ע אז ער זאל ווייטער האלטן די רעכטע האנט, און אזוי ווי ער האט צושטערט זייערע פלענער ביז יעצט, זאל ער ווייטער היטן אויף אונז און מיר זאלן זיך קענען האלטן שטארק נישט איינצוגיין אויף קיין פשרות וואס זאל אפעקטירן די ריינקייט פון די תורה וואס אונזערע בחורים לערנען, און מיר זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין די מסורת התורה כנתינתה מסיני בלי שום תערובת זר, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, וח"ו לא תשתכח תורה מישראל ולא תשכח מפי זרעו, ולא ימוש ספר התורה מפינו ומפי זרעינו עד ביאת הגואל.

# הילולא קדישא פון הרה"ק ר' ישעיה'לע קערעסטיר זי"ע אפגעהאלטן געווארן אין אלע קהילות הקודש.

שוין עטליכע יאר וואס עס האט ווידער אויפגעפלאמט די געוואלדיגע כח פונעם הייליגן צדיק וואס איז בזמנו געווען באקאנט אלס א פועל ישועות בקרב הארץ ורבים נוושעו על ידו, און אין די לעצטערע צייטן האבן אידן ווידער אנגעהויבן צו זעהן גרויסע ישועות און רפואות בזכותו.

דעם פארגאנגענעם ג' אייר איז די הייליגע יארצייט אפגעצייכנט געווארן אין אלע קהילות הקודש וואס האבן אפגעראכטן סעודות הילולא און אידן האבן זיך נוהג געווען בדרכיו הקדושים צו טיילן ריזיגע סכומים צדקה פאר נצרכים און מען האט פארטיילט עסן פאר נויטבאדערפיגטע משפחות.

אויך איז אפגעראכטן געווארן א גרויסע מסיבה נהדרה פאר די וואוילטעטיגע ארגעניזאציע 'רב להושיע' וואס פארטיילט בעבי פארמילא פאר עניי ארה"ק און ווערט אנגעפירט דורך משפחת ראטענבערג נכדי הרה"ק, די מסיבה נהדרה איז פארגעקומען בבית נכד רבינו כ"ק האדמו"ר מקאסאן שליט"א און עס האבן זיך באטייליגט א גרויסע ציבור אידן.

אזוי אויך טוט אין די יעצטיגע טעג געשריבן ווערן א ספר תורה פאר די קאסאנע ביהמ"ד לעי"נ פון הרה"ק און פילע אידן האבן בייגעשטייערט לגמרה של תורה

עקסטער האט זיך אנגעזען א ריזיגע ציבור תושבי עירינו בעיר קערעסטיר גופא ווי מען האט איינגעריסן פאר ישועת הכלל והפרט על ציונו הקדוש, ווי די שטאט קערעסטיר האט געווירבעלט מיט די טויזענטער פוקדי ציון המצויינת פון איבער די וועלט, און עס איז פארגעקומען סמוך לנראה צום ציון א "צענטראלן סעודת הילולא" דינסטאג נאכט, וואס כל הקהל הקודש האט מיטגעהאלטען די דרשות פון הרבנים הגאונים מיט סיפורי צדיקים להתדבק בדרכי הצדיק ולשאוב ממעיני הישועה.

ויה"ר אז מען זאל האבן געפועלט אלעס גוטס און אלע אידן זאלן געהאלפן ווערן בכל משאלות לבם לטובה.

**זכותו הגדול יגן עלינו**

## תושבי עירינו רייסן איין לרפואת האדמו"ר מפאריסוב שליט"א מרן חנניה עקיבא יוסף בן רוחמה ליבא לרפואה שלימה וואס איז זקוק לרחמי שמים מרובים.

תושבי עירינו זענען שוין נהנה מאורו וזיוו פונעם פאריסאווער רבי שליט"א לאנגע יארן, נאכדעם וואס דער רבי שליט"א פלעגט קומען באשיינען אונזער שטאט פאר לאנגע וואכן נאכאנאנד יעדעס יאר אין די ווינטער און אין די זומער חדשים, און אסאך אידן פלעגן אריינגיין צום רבין זיך דורכרעדן און באקומען ברכת קדשו עצה ותושיה.

עקסטער דארף מען באטאנען די חיזוק וואס דער רבי שליט"א פלעגט געבן פאר די מנהלים פון מוסדות התורה אז מען זאל זיך האלטן שטארק און זיך מתנזר זיין פון נישט כשר'ע געלטער וואס קומען פון די גוים ווייל מיט דעם געבט מען זיי א כח, אויב די תורה הקדושה טוט ציען יניקה פון זייער געלט.

זינט די קאראנא תקופה איז דער רבי'ס געזונט צושטאנד שטארק געפאלן און עס האט זיך דערקייקלט צו א שווערע לונגען ענטצינדונג, און דער רבי איז יעצט אין שפיטאל און איז אנגעוויזן אויף גרויס רחמי שמים. און אידן ווערן געבעטן איינצורייסן לרפואתו השלימה מרן חנניה עקיבא יוסף בן רוחמה ליבא לרפו"ש.

**קל נא רפא נא לו**

---

## דעת תורה פון הגאון הגדול רבי חיים יוסף דוד ווייס שליט"א

בעל ויען דוד ודומ"ץ קיט"ל אנטווערפען

## איבער לימודי כפירה פאדערונגען וועלכע ווערן געפאדערט אין סקול'ס האט א געוואלדיגע אפקלאנג ביים ענגלישן אידענטום און ווערט שטארק אויסגעלויבט דורך מרנן ורבנן גדולי רבני עירנו שליט"א

– פילע תשובה ארומגעשיקט געווארן פאר תושבי עירנו –

---

המשך נייעס פון עמוד 5'

אפסטעד איז געווארן 30 יאר דורך דעליווערן פאסט קארדס צו אפסטעד וואס איז געשטאנען דערויף 'אומגליקלעך דיין געבורסטאג' וואס איז געשיקט געווארן צו די זיבן הויפט אפיסעס פון אפסטעד, אין די קארדס זענען געווען הונדערטער פון האנט-געשריבענע געשרייבעכטס פון לערערס און שולע פירער וואס רופן צו פארמאכן אפסטעד.

עס איז צום האפן אז מיר זאלן זוכה זיין אז עס זאל זיין מלאכתינו נעשית על ידי אחרים, און די כוחות הרשעה פון אפסטעד זאל שוואכער ווערן, און מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער בדרך המסורה ועל מבועי התורה והיראה מתוך נחת והרחבת הדעת.